# אומגליק צוגרייטונג פאר קינדער מיט דיסאביליטיס:
## דויערהאפטיגע מעדיצינישע עקוויפמענט געברויכן

אויב איר זענט אן אדוואקאט, קעירגעבער אדער פאמיליע מיטגליד פון א קינד מיט א דיסאביליטי, איז וויכטיג צו וויסן ווי אזוי און וואו צו באקומען דויערהאפטיגע מעדיצינישע עקוויפמענט (DME) איידער אן אומגליק אדער פובליק העלט עמערדזשענסי פאסירט. DME איז סיי וועלכע מעדיצינישע עקוויפמענט וואס שטעלט צו טעראפיוטישע בענעפיטן פאר מענטשן וואס האבן געוויסע שעדיגונגען אדער קראנקהייטן. דער פלוגבלעטל איז געמאכט געווארן צו העלפן די פאראייניגטע שטאטן'ס אומגליק פארוואלטונג באמיאונגען און צו טרעפן ריסאורסעס צו העלפן רעגירונג אגענטורן, נישט-רעגירונג און פריוואטע ארגאניזאציעס, און קאמיוניטיס זיך צוגרייטן, רעאגירן און זיך ערהוילן פון אומגליקן און פובליק העלט עמערדזשענסיס. עס קען אויך העלפן מענטשן וואס געבן זיך אפ מיט א קינד מיט א דיסאביליטי מאכן אינפארמירטע באשלוסן וועגן זייער קינד'ס געזונטהייט און זיכערהייט, און שטיצן דעם איינפירונג פון פובליק-פריוואטע מיטארבעט אין קאמיוניטיס דורכאויס אן אומגליק.

אן אומגליק אדער פובליק העלט עמערדזשענסי קען אפעקטירן א קאמיוניטי'ס מעגליכקייט צוצושטעלן ריסאורסעס פאר קינדער. קאמיוניטיס זאלן זיין גרייט צו אדרעסירן דעם פראבלעם איידער אן אומגליק פאסירט מיט די הילף פון לאקאלע עמערדזשענסי מענעדשמענט אפיסעס אדער פריוואטע ארגאניזאציעס. אויב אן אומגליק פאסירט חלילה, קען מען ראטעווען לעבנס דורכן וויסן וויאזוי און וואו צו באקומען ריסאורסעס פאר קינדער מיט דיסאביליטיס. קינדער זענען מער עמפינדליך צו אומגליקן ווי ערוואקסענע און דארפן אנדערע דאזעס פון מעדיצין און אנדערע מאסן עקוויפמענט, אריינגערעכנט נאדלען, רערן פאר אקסידזשען מאסקעס און ווענטילעיטארס, ווילטשעירס און וואקערס. ריסאורס איינטיילונג פלענער זאלן פארזיכערן אז קינדער-מאסן פון עקוויפמענט, אנטיביאטיקס, אנטידאוטס און וואקסינען זענען אוועילעבל און קענען פארטיילט ווערן אין פלעצער וואו קינדער נעמען זיך געווענליך צוזאם, אזוי ווי נאך-שולע פראגראמען, דעי קעיר און טשיילד קעיר סערוויסעס.



NYC Health

# אינפארמאציע וואס איר דארפט וויסן איידער אן אומגליק

## אויב איר זענט אן אדוואקאט, קעריגעבער אדער פאמיליע מיטגליד פון א קינד מיט א דיסאביליטי, דארפט איר וויסן:

- וויאזוי און וואו צו ערזעצן פארלוירענע, געשעדיגטע, פארניכטעטע און אומנוצבארע DME, פראסטעטיקס און צוגעהער. דאקומענטן, אזוי ווי א דאקטער'ס באפעל אדער מעדיצינישע נויטווענדיגקייט בריוו, אדער א זיצונג מיט א דאקטער ווערט געווענליך פארלאנג כדי צו ערזעצן DME. פונדעסטוועגן, קענען טייל פארקויפער און סופלייערס, אריינגערעכנט די צענטערס פאר Medicare & Medicaid סערוויסעס (CMS), מוותר זיין אויף די פאדערונגען דורכאויס אן אומגליק אדער פובליק העלט עמערדזשענסי. וויסן דעם מאס, סארט און מאדעל, אדער האבן די דאקומענטן פאר די DME וואס איר ווילט ערזעצן קען העלפן מיטן קלעים דורך Medicaid און די אויטאריטעטן פונעם Children's Health Insurance Program.

- ווי אזוי צו קאנעקט'ן און דיסקאנעקט'ן א מענטש פון א דיאליסעס מאשין אדער ענליכע עקוויפמענט אויב איר אדער א פאמיליע מיטגליד נוצט איינס. דאס וועט העלפן פארמינערן אייער אדער אייער פאמיליע מיטגליד'ס ריזיקע פון אינפעקציע אדער שעדיגונג, און פארזיכערן אז יעדער קען עוואקויאירן שנעל און פארזיכערט דורכאויס אן אומגליק. קוקט אויב אייער דיאליסעס צענטער אפערט דעם טרעינירונג.

- דער נאמען און קאנטאקט אינפארמאציע פון אייערע פארשריבענע דאקטוירים און אפטייק צו וועמען איר גייט.





# שריט וואס פאמיליעס קענען נעמען

- לייגט אוועק אייער העלט קעיר פראוויידער'ס קאנטאקט אינפארמאציע, ווי אויך לינקס צו רעגירונג, נישט-רעגירונג און פריוואטע DME פראוויידער וועבזייטלעך אויף אייער טעלעפאן.
- אקטיוויזירט Medical ID אויף אייער iPhone. Medical ID איז אן אפציע וואס איז אריינגעבויט אינעם iOS געזונטהייט עפפ וואס לאזט רעטונג ארבעטער זען אייער מעדיצינישע אינפארמאציע, אריינגערעכנט אלערגיעס, מעדיצינען וואס איר נעמט, ארגען-דאנאר סטאטוס, בלוט טייפ און עמערדזשענסי קאנטאקטס, אן דארפן אויפשליסן אייער טעלעפאן. אויב איר האט אן Android טעלעפאן, זענען פאראן ענליכע עפפס וואס איר קענט דאונלאוד'ן און נוצן.
- אפלאוד'ט עמערדזשענסי רעקארדס וואו איר קענט נאך אלס האבן צוטריט דערצו אין פאל אייער טעלעפאן איז פארלוירן אדער געשעדיגט, אזוי ווי אייער טעלעפאן'ס קלאוד סטארעדזש אדער פערזענליכע אימעיל.
- שרייבט זיך איין צו באקומען אינפארמאציע אדער אלערטס וועגן עמערדזשענסי פאסירונגען אין אייער קאמיוניטי.
- קוקט איבער אייערע טראנספארטאציע אפציעס און טיילט עס מיט מיט אייער פאמיליע אין פאל איר דארפט עוועקואירן פונעם געגנט בשעת אן אומגליק.
- ליינט וועגן לייף-סוסטעינינג עקוויפמענט. מער אינפארמאציע קען מען טרעפן אויפן [Washington State Department of Social & Health Services' website](https://www.dshs.wa.gov) וועבזייטל.

**וויכטיגע באמערקונג:** CMS האט נישט קיין עקוויפמענט אוועילעבל צום איינהאנדלען. סטעיט Medicaid אגענטורן קענען האבן קאנטראקטס מיט DME פראוויידערס און שפיטעלער וואס קענען האבן די עקוויפמענט.

# נאך ריסאורסעס

- **CMS**: אומגליק רעספאנס טולקיט
- **CMS**: דויערהאפטיגע מעדיצינישע עקוויפמענט דעקונג
- **CMS**: סופלייער דירעקטארי
- **Department of Homeland Security (DHS)**: ציווילע רעכטן אין עמערדזשענסיס און אומגליקן
- **DHS**: עמערדזשענסי אלערטס
- **DHS**: לאקאלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט אינפארמאציע
- **Federal Emergency Management Agency (FEMA)**: קאמיוניטי פלאנירונג און קאפאסיטי בויען
- **FEMA**: זיך צוגרייטן פאר אומגליקן פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס און אנדערע ספעציעלע געברויכן



אינפארמאציע אין דעם דאקומענט איז געשאפן געווארן מיט אנווייזונגען פון די צענטערס פאר Medicare & Medicaid סערוויסעס אלס
טייל פונעם Harvard (National Preparedness Leadership Initiative, NPLI). די NPLI איז א געמיינזאמע פראגראם פונעם
Harvard T.H. Chan School of Public Health און די Center for Public Leadership ביי די Harvard Kennedy School of Government.
דאס בילד אויף בלאט 1 איז פון די Centers for Disease Control and Prevention.